בס״ד

# בולעטין # 1 ניסן תשס״ג

# להסיר מכשול – אתה רוצה שבניך יהיו נוטרי ברית קודש?

# היט אייער טייערסטן אוצר!!!

אויפקלערונג

## טייערע, חשובע אידן!

איר מיינט אַוודאי דאָס בעסטע מיטן שיקן אָדער טראָגן די קינדער אין מקוה עש״ק מיט ערב יום טוב. מיר ווייסן אָבער נישט צי עס איז נישט יצא שכרו בהפסדו?

מיר, מלמדים און מנהלים (צוזאַמען 43) פון היימישע ערלעכע מוסדות זענען געווען ביטערלעך אנטוישט פון וואַנעט עס נעמט זיך אַז קליינע קינדער, גאָר קליינע - וואָס די חז״ל זאָגן אַז אויף זייער תורה און תפילה האַלט זיך די וועלט (אין העולם מתקיים אלא בהבל פיהם של תשב״ר) ווייל זיי האָבן נאָכנישט פאַרזוכט אַ טעם פון אַן עבירה - ליידער, ליידער, זייער אַ סאַך פאַלן פון די שענסטע שטיבער וואָס די קינדער זענען שטאַרק אַריינגעטוהן אין חטא מדת היסוד אויף זייער אַ נידעריקן אופן, ווי אין דור המבול, וואָס פירט עווענטועל צו די האַרבטע עבירות, און די עלטערן האָבן נישט קיין השגה.

**מורי** ורבותי, דאָ האַנדלט זיך פון קינדער וואָס אויסערלעך וועט איר גאָרנישט דערקענען. זיי דאַווענען און לערנען באַקליידעט מיטן אידישן חן, אָבער אינערלעך ברענט אַ העליש פייער פון יצר הרע. 09% פון זיי זענען גאָרנישט שולדיק, בלויז קרבנות פון קינדער, בחורים און צומאָל יונגעלייט, וועלכע זענען פאַרזונקען מאָראַליש זייער שטאַרק און מיט דער הילף פונעם יצר הרע האָט מען זיי אַריינגעכאַפּט אין דער נעץ און רח״ל אָנגעצונדן אין זיי דעם יצה״ר וועלכן מען קען שווער פאַרלעשן.

**מיר** האָבן זיך צוזויפגערעדט און געפאָרשט די זאַך ווי ווייט מעגלעך. די אורזאַכן וועלכע ברענגען צו נסיונות זענען פילזייטיקע (וואָס מיר האָפן בקרוב מפרסם צו זיין לתועלת הרבים, צו קענען היטן די קינדער אזוי ווי מען דאַרף).

**דער** גרעסטער נסיון איז די מקוה. גלויבט אונז, מיר האָבן זיך לאַנג געישוב׳ט ביז מיר האָבן דאָס אַרויסגעשריבן, ווייל ווער וועט זיך געטרויען צו זאָגן אַז מקוה, דער מקור הטהרה, זאָל גאָר זיין די ווערקצייג פון אַזעלכע אומווערדיגע געשעענישן, אָבער מיט אַ געבראָכן געמיט און אַ שווער האַרץ מוזן מיר לחרפתינו מפרסם זיין, אַז די מקוה פאַר קינדער איז דער הויפט-גורם. מיר געפינען אין דער גמרא אַפילו ביי תורה אַז ״לא זכה נעשית לו סם המות״, וואָס מיינט אַז תורה מיט אַ נישט-ריכטיקע כוונה קען אַראָפּפירן, און אַלע יוצאי אונגאַרן ופולי״ן ווייסן, אַז אַ סאַך לימודים פלעגט מען נישט לערנען מיט קינדער צוליב טהרה וקדושה. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן ביי מקוה.

די צרה איז אויך מיט די שויער״ס. דאָס איז דאָך שוין אַוודאי נישט קיין ענין אַז די קינדער טוען זיך שויער״ן ברבים. דאָס איז דאָך זיכער נישט קיין תוספת טהרה.

**אָט האָט איר די פראָבלעמען פון מקוה לויט די עדות פון די אומשולדיק-אַריינגעפאַלענע קינדער.**

1) דאָס קוקן אויף פלעצער וואו מען טאָר נישט איז מעורר דעם יצר הרע זייער שטאַרק.

2) דאָסזיין אַ לענגערע צייט אָן מלבושים און שפרינגען אין וואַסער איז נישט גוט.

3) דאָס זיין צוזאַמען ביים שויע״ר און אויך אין מקוה מיט אַנדערע קינדער, אַפילו ברידער איז נישט גוט.

4) שטעלט אייך פאָר איר זאָלט הערן, אַז אייער קינד שווימט אין קעמפּ אָן הויזן, וואָלט איר נישט פאַרציטערט געוואָרן? דאָס געשעהט למעשה אין מקוה!

5) אין מקוה געפינען זיך בחורים און ליידער אויך יונגעלייט וועלכע לאָקערן אויף די קינדער און טוען וואָס מען טאָר נישט.

6) עס איז נישט מעגליך פאַר אַ טאַטן צו האַלטן זיינע אויגן אויף די קינדער יעדע רגע, און רוב עלטערן, אויב זיי באַמערקן עפּעס וועלן זיי עס ענדערש אויסטייטשן לטובה, ווייל זייער טייער קינד טוט ח״ו נישט וואָס מען דאַרף נישט... יעדער טאַטע איז מיט אַ געוויסן פּראָצענט פאַרגלויבט אין די קינדער.

7) די נסיונות זיינען ביים אָנטוהן, אויסטוהן, שויער און מקוה.

8) קינדער שמועסן זיך אָפּ צו גיין אין דער זעלבער צייט אין מקוה...

9) עס ברענגט אַ קאַלטקייט אינעם ענין פון ״קוקן וואו מען טאָר נישט״ און נאָכדעם איז דאָס שוין גרינג בינו לבין עצמו.

## וואָס עס האָט שוין געברענגט

עס וועט אייך שווער זיין צו גלויבן, ווייל מיר אַליין האָבן אויך נישט געוואָלט גלויבן, אָבער נאָכן אויספרעגן אַזוי פיל קינדער, פון זיי אַ גרויסער טייל וועלכע האָבן זיך מיט בכיות און דערביטערטקייט אַראָפּגערעדט פון הארץ ווי אַזוי זיי זענען אומשולדיג אַריינגעפאַלן דורך בני בליעל און פאַרזונקען טיף נידעריג אינעם גרעסטן תהום פון הפקרות ביי עניני קדושה, וואָס עס קלינגט שווער צו גלויבן אָבער איז דאָך אַ לעבעדיקער פאַקט.

**נישט** צום גלויבן, איר קענט זען קינדער מיטן עכטן אידישן חן און פון אינעווייניק שטאַרק פאַרזינקען, נישט ח״ו במזיד, נאָר אַזוי ווי עס גייט שוין ביי די זאַכן, איין חבר שלעפּט דעם צווייטן און אַזוי ווייטער.

**רוב** טאַטעס ווייסן אַפילו נישט אַז זייערע קינדער ליידן פון דעם פּראָבלעם (פון וואו זאָלן זיי וויסן?), די קינדער - בחורים דערציילן מיט טרערן אין די אויגן ווי אַזוי זיי האָבן זיך שוין צענדליגער מאָל געוואָלט אָפּרייסן, נאָר דער יצר הרע וואָס מען האָט אין זיי אָנגעצונדן איז ווי אַ פייער און נישט צום פאַרלעשן. און עס שטערט זיי זייער צום לערנען, ווייל ווען דער רבי לערנט קריכט זיי דער קאָפּ אין אַנדערע זאַכן, און עס שלעפּט אויך אַריין מיט גאָר פאַרדאָרבענע חברותא (וואָס לאָזט זיך אויס טיילמאָל מיט ביכער).

**מיר** זאָגן נישט ח״ו אַז די מקוה איז דער גורם, אָבער מיט באַדויערן איז דאָס ביי אַ סאַך געוועזן אַ גרויסער שטופּ אויף אַראָפּ, בפרט ביי ברידער צווישן זיך.

## דער אורטייל - דעת תורה

**דאָ** קומען מיר צום שווערסטן, גיי זאָג פאַרן כלל מען זאָל אויפהערן טראָגן קינדער אין מקוה. ווער וועט פאָלגן? האָבן מיר דעם ענין פאָרגעלייגט פאַר די ערלעכע אידן שבדורינו, וועלכע ווייסן צו שאַצן די גרויסקייט פון מקוה און גלייכצייטיק די וויכטיקייט פון קדושת תינוקות של בית רבן וואָס זיי דאַרפן אויפהאַלטן די וועלט. און אָט איז דער עסענץ פון זייער דעת תורה:

**יעדער איד וואָס זאָרגט פאַר דער ערליכקייט פון זיינע קינדער, זיי זאָלן וואַקסן בקדושה און זיין ערלעכע אידן, זאָל טראָגן די קינדער נאָר מיט די פאָלגענדע תנאים און אויב ער קען דאָס נישט נאָכקוקן זאָל ער אָנהויבן דאָס גיין אין מקוה מיטן תפילין לייגן אין זעלבן טאָג אָדער דעם ערב שב״ק פאַר דעם.**

א) נאָר מיטן טאַטן צוזאַמען.

ב) נישט נעמען קיין שויער אין מקוה (וואָס דאָס איז זיכער נישט תורת הבעש"ט) נאָר אינדערהיים איינציגווייז (די סיבה פון שויערן אין מקוה איז גרינגער צו מאַכן פאַר די בעל הבית'טע און צו שפּאָרן צוויי מאָל אָנטוהן און אויסטוהן. חשובער טאַטע, יעצט איז נישט די צייט צו שפּאָרן צייט, ווען עס קען אייך ח"ו נאָך דעם קאָסטן צייט, עגמת נפש און אַ שטיק געזונט...).

ג) יעדעס קינד זאָל גיין אין מקוה (בור הטבילה) ווען דער טאַטע שטייט דערביי און גיט אַכטונג אַז זיי זאָלן גאָרנישט טוהן, נאָר טובל'ען זיך 3-4 מאָל און אַרויס.

ד) דער טאַטע זאָל שטיין דערביי ווען זיי טוען זיך אויס און אָן, יעדער באַזונדער פאַר זיך.

ה) די גאַנצע צייט איז דער טאַטע אָנגעטוהן, ווען די קינדער זענען פאַרטיק זאָלן זיי אַרויס פון מקוה און דעמאָלט גייט דער טאַטע.

ו) דאָס בעסטע איז אויסצוקלויבן אַ צייט ווען כמעט קיינער איז נישט דאָרט, אָנהויב נאָכמיטאָג. אויב נישט זאָל מען הייסן די קינדער זיך אָנטוהן און אויסטוהן מיטן פּנים צו דער וואַנט.

ז) מען זאָל אויסלערנען די קינדער אויסטוהן די ברילן (אויגן-גלעזער) גראָד ביים אָנהויב און אָנטוהן און אויסטוהן די וועש מיטן פּנים צו דער וואַנט.

ח) די קינדער זאָלן נישט רעדן צווישן זיך. וואָס זיי דאַרפן זאָל גיין דורכן טאַטן.

ט) מיר ווילן באַטאָנען אַז מיר ווייסן פון גאָר טייערע אידן וועלכע לאָזן נישט זייערע קינדער גיין אין מקוה ביז די בר מצוה.

נאָך אַמאָל, טייערע עלטערן! איר ווערט פאַרשוואַרצט פאַר אייערע קינדער! זייער עתיד איז אייער גאַנצע שטרעבונג און חיות! אויב דאָס קינד פירט זיך נישט ווי מען דאַרף, טראָגט איר עס נישט איבער. האָלט שטענדיק פאַר אייערע אויגן אַז פילע עלטערן האָבן פאַרשפּילט זייערע קינדער דורך דער מקוה, וואו זיי האָבן נישט געהאַט קיין געהעריגע השגחה. ביז דער חתונה זענען זיי שוין געווען אַזוי פאַרזינדיקט, געגוג אויף תשובה צו טוהן אַ גאַנץ לעבן, און טיילמאָל האָט זיך עס געצויגן אויך אויף נאָך דער חתונה. אייער נאַכלעסיקייט קלאַפּט אייך אַליין צוריק אין פּנים. און מען איז נאָך עתיד ליתן את הדין אויף יעדן נפש וואָס איז פאַרקראָכן פון מדת היסוד און אויף די אַלע חברים וועלכע ער האָט אַריינגעשלעפּט.

## האָלט אַן אויג אויף דיינע קינדער (קינדער און בחורים) - עס איז דיין טובה!

די מכת המדינה פון יאָגן און לויפן שטענדיק ברענגט דערצו אַז יסודות פונעם קינד'ס עתיד ווערן אונטערגעגראָבן. די קינדער נוצן דאָס גוט אויס און גייען אחר שרירות לבם.

**מיר** ברענגען עטלעכע פונקטן וואָס לויטן עקספּיריענס ליגט דאָרט זייער אַ סאַך, און מיר האָפן אַז די עלטערן וואָס זוכן באמת דאָס בעסטע פאַר זייערע טייערסטע וועלן דאָס נעמען ערנסט.

**א) אויב** קינדער שלאָפן אין איין צימער (ווי געוועהנלעך) כאַפּט זיך אַריבער פון צייט צו צייט מיט חכמה צו זען זייער אויפפירונג.

**ב) לאָז** נישט עטלעכע קינדער אין איין בעט שלאָפן (לייג בעטן אין דער הויך און דאָס גלייכן).

**ג) פרייטאָג** נאָכמיטאָג און שבת נאָכמיטאָג אויב מעגלעך צעטייל זיי אין מערערע שטיבער צום שלאָפן, אויב נישט פאַרדאָפּל די השגחה.

**ד) לאָז** נישט דיין קינד באַזוכן זיין חבר'ס הויז אויב עס איז מעגלעך אַז די עלטערן זענען נישט אינדערהיים.

**ה) ליידער** זענען די ווידעאָס און לייען-ביכער שטאַרק פאַרשפּרייט. לאָז דיין אינגל נישט גיין צו אַזאַ הויז.

**ו) ווייס** שטענדיק וואו דיין אינגל איז, גלויב אים נישט זיינע תירוצים, שפּאַציר אים נאָך פון צייט צו צייט.

**ז) פאַרלייג** כחות צו וויסן ווער דער חבר פון דיין אינגל (אָדער בחור) איז, ווייל דורך דעם קענסטו זען צו וואָס דיין אינגל ציט (וזהו בדוק ומנוסה).

**ח) אויב** דיין קינד רעדט אָפט אויפן טעלעפאָן, פּראָביר אויפכאַפּן וואָס און צו וועמען ער רעדט.

**ט) ווי** ווייט מעגלעך לאָז נישט דיינע קינדער אַליין אינדערהיים, איינער זאָל דאָרט זיין: טאַטע אָדער מאַמע, אָדער כאָטש אַן עלטערע - ערנסטע ברודער אָדער שוועסטער.

**י) ביינאַכט** ביים שלאָפן באַקוק די הויזן-טאַשן.

**יא) אויב** זיי האָבן אַ פאַרשפּאַרט לעדל אָדער שאַנק, פּראָביר אָנצוקומען און בודק זיין.

**יב) לאָז** זיי (די בחורים) נישט האָבן קיין קרעדיט-קאַרדס מיט טעלעפאָן-קאַרדס.

**יג) שמועס** אַ סאַך מיטן קינד וועגן חדר און חברותא, אַ סאַך קען מען לערנען פון דעם.

יד) פּראָביר ער זאָל זיך שפּילן אין דער פרייער צייט ביי דיר אין שטוב, אויב נישט קוק נאָך אויב ער איז טאַקע דאָרט וואו ער דאַרף זיין.

**טו) שיק** אים נישט אַליין אין שוהל דאַוונען, נאָר מיטן טאַטן צוזאַמען, אויב דער טאַטע מוז גיין שפּעט אָדער קען בכלל נישט גיין, זאָל דאָס קינד דאַוונען אינדערהיים נעבן טאַטן.

**טז) אויב** ער רעדט מיאוסע ווערטער, פּראָביר דערגיין פון וואו ער נעמט דאָס (טיילמאָל הערט ער עס פון אייגענעם טאַטן).

י״ז) האַלט אָפּ די קינדער פון באַזוכן משפחה וועלכע זענען שוואַך אין אידישקייט.

י״ח) בין הזמנים מוזט איר קאָנטראָלירן אייער בחור 24 שעה.

**יט) אויב** איר האָט געלט וואו דאָס קינד קען צוקומען (ווען די עלטערן שלאָפן, אָדער זענען נישט אינדערהיים) ברענגט איר אים אין אַ נסיון צו גנב'ענען און קויפן מיטן געלט וואָס ער וויל.

**כ) אויב** אַ קינד בעט געלט, פרעגט אים צו וואָס ער דאַרף עס און גיט אים וואָס ער דאַרף און נישט געלט. איר האָט נישט קיין השגה וואָס מען קען היינט קויפן פאַר געלט, ד׳ ירחם.

**כא) לאָזט** אים נישט פאַרדינען געלט. נישט קינדער, נישט בחורים. מיט געלט קען מען שלעכט אויסבינדן ח״ו.

**כב) לאָזט** נישט די קינדער שפּילן קיין שום שפּיל וואָס איינער זיצט אָדער ליגט אָדער קריכט אויפן צווייטן.

**כג) לאָזט** אים נישט האָבן אַן אייגענע טעיפּ-רעקאָרדע״ר. עס גייט אויפן חשבון פון לערנען. און מען קען הערן ליצנות פון תורה און אידישקייט אויף דער אידישער שפּראַך, ליידער.

**כד) אויב** איר באַמערקט ער הויבט זיך אָן פּוצן איז דאָס נישט קיין גוטער סימן.